בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַפֶּסַח (1)

תשפ"ג

295


מצבת ציון רבינו איש האלקים
אור העולם רבי נחמן מברסלב זי"ע
בעיר אומן יצ"ו
צדיק כתמר יפרח
הבטיח שכל מי שיבוא אל ציונו הקדוש ויאמר שם את התיקון הכללי
יוציאו מהשאול תחתית ויעשה לו טובה נצחית

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזּוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## חַג הַפֶּסַח (1)

295

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען אַז דִי עַרְבוּת וָואס אִיךְ הָאב גֶענוּמֶען עֶסְט מִיךְ אוֹיף?........................ א

זָאל מֶען בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ קְלֵייד פַאר דִי וַוייבּ?........................ ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְקוּקְן מַיין שְׁוֶוער?........................ ג

זָאל אִיךְ הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן פֶּסַח'דִיג מַאכְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער?........................ ד

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פוֹילְקֵייט פוּן דִי וַוייבּ?........................ ה

דִי סְגוּלָה צוּ זָאגְן פָּרָשַׁת הַנְּשִׂיאִים פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ?........................ ז

וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?........................ ז

בִּין אִיךְ מְחוּיָב צוּ טוּן אַלֶעס אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים?........................ ט

מֶעג מֶען צוּגְרֵייטְן עֶסְן צוּ פַארְקוֹיפְן אִין חָמֵץ פַאר פֶּסַח?........................ יג

וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אֵיידְל?........................ יד

וָואס הִיט אָפּ אַ פְּרוּי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?........................ טז

עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אוֹיף מִנְהָגִים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח........................ יח

וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ הֶעלְפֶער אִין חֵדֶר וָואס טוּט גֶעמֵיינֶע זַאכְן?........................ יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט........................ א

וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט נִישְׁט זַיין דוּרְשְׁטִיג אִין הִימְל........................ ב

פְרֶעגְן אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִיק, דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי יְשׁוּעָה........................ ב

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים........................ ג

עֶס פְלַאקֶערְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת........................ ג

לֵייג דִיךְ אַרַיין אִין דִי צֶען זַאכְן, וֶועסְטוּ פַארְעֶכְטְן אַלֶע דַיינֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת........................ ה

דִי בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת........................ ז

שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְן פַאר זַיין בְּרוּדֶער........................ ט

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם........................ יב

דַאוֶוען מִיט מִנְיָן אוּן טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע ........ יב

וֶוען דוּ קֶענְסְט, זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן ........ יג

וואוּ אִיז דַיין אִידִישׁ הַארְץ, פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּעסְטוּ דַיין וַוייבּ? ........ יד

נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דָאס פָּארְלֶערְנֶען ........ טו

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן דַיין וַוייבּ, וֶועט קוּמֶען שֶׁפַע מִיט עֲשִׁירוּת ........ טז

דִי נַייעֶ גִלְיוֹנוֹת פוּן חִינוּךְ אִיז עֶפֶּעס הֶערְלִיךְ שֵׁיין ........ יז

וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ........ יח

אַזוֹי וִוי מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט, וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ........ כ

לָאז שׁוֹין אָפּ דִי מַחֲלֹקֶת, קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ כא

רֵייכֶערְן לוּפְטֶערְט נִישְׁט אוֹיס, עֶס מַאכְט מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן ........ כב

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג ........ כג

פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ פוּן אַ דַיָּין ........ כד

דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיד אִיז וֶוען עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן ........ כה

אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ ........ כו

שְׁוִויצְן פַאר פֶּסַח אִיז מְבַטֵּל אַלֶע קְלִיפּוֹת ........ כו

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט, מִיר לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו אוּן מִיר דְרוּקְן דִי בְּרִיוו ........ כז

עֶס מוּז זַיין אַ גוּטֶע פִילְטֶער אוֹיף אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס ........ כח

אַ זַאךְ וָואס זוּכְט שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ אִיד, דַארְף מֶען פַארְבְּרֶענֶען ........ כט

אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן אַהֵיימְגֵיין אוֹיף פֶּסַח, אוּם פֶּסַח עֶסְט מֶען נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע ........ ל

שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר ........ לא

קוּם נִישְׁט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אַמֶערִיקֶע אוֹיף פֶּסַח ........ לא

נֶעם מִיט דִי קִינְדֶער צוּ דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר ........ לב

אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוִיכְטִיג דִי פְלֶעִיס ........ לג

נֶעם צוּזַאם גֶעלְט פַאר קִמְחָא דְפִסְחָא, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קַיין דִין תּוֹרֶה'ס ........ לד

אַ מִצְוָה דַארְף מֶען טוּן מִיט שִׂמְחָה ........ לו

לֵיל הַסֵּדֶר אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת ........ לו

גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ צַדִיק וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ ........ לז

מְסַיֵּים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פִינְף מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס ........ לח

בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, בְּרֶסְלֶב אִיז אִין הַארְץ, אִין מֹחַ ........ לט

יִישַׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת ........ מ

וִוי לַאנְג דַארְף נֶעמֶען דִי סֵדֶר נַאכְט? ........ מ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּט מֶען אַז דִי עַרְבוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען עֶסְט מִיךְ אוֹיף?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאךְ אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ אַמָאל אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן עַרְבוּת פַאר אֵיינֶעם, זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה פוּן דֶעם. אִיךְ דַארְף צָאלְן כְּסֵדֶר שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער אוּן דִי רִיבִּית וַואקְסְט כְּסֵדֶר, מֶען קוּמְט צוּנֶעמֶען זַאכְן פוּן מִיר אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ צָאלְן אוּן צָאלְן אוֹיף דִי אַלְטֶע חוֹבוֹת, אוּן דִי רִיבִּית פוּן זֵיי. מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג**
**לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טוּ נִישְׁט דִי זַאכְן מֶער, חַתְמְ׳עֶ נִישְׁט קַיין עַרְבוּת פַאר קֵיינֶעם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## זָאל מֶען בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ קְלֵייד פַּאר דִי וַוייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין גֶעלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן כְּדֵי נִישְׁט אַריינְצוּפַאלְן אִין חוֹבוֹת - הָאבְּן אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ נוּצְן מַיין קְרֶעדִיט קַארְד, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר מַיין וַוייבּ אַז יֶעצְט וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען קוֹיפְן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ שְׁטוּב זַאכְן, ווי עֶסְן אוּן דָאס גְלַייכְן, לָאז אִיךְ אִיר אַיינְקוֹיפְן רוּאִיגֶערְהֵייט.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְן אַבִּיסְל גֵיין נָאךְ גֶעלְט יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ זָאג אַ גַאנְצְן צַייט פַּאר מַיין וַוייבּ אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אוּנְז גְרִינְגֶער וֶוערְן אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַלֶעס אַיינְקוֹיפְן.

יֶעצְט דַארְף מַיין וַוייבּ הָאבְּן אַ נַייעָ קְלֵייד פַּאר אַ חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט קֶענֶען מִיר זִיךְ דָאס נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אוּן זִי וֶועט מוּזְן בָּארְגְן פוּן אֵיינֶעם אַ קְלֵייד, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען אֶפְשָׁר קוֹיפְן אוֹיף פֶּסַח, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אוֹיף צוּ קוֹיפְן אַ קְלֵייד פַּאר דִי וַוייבּ דַארְף מֶען יָא בָּארְגְן גֶעלְט; דַארְף מֶען אַלֶעס טוּן אַז זִי זָאל גְלַייךְ הָאבְּן דִי קְלֵייד וָואס זִי דַארְף?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בָּארְג גֶעלְט אַז דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ קְלֵייד, אוּן גֵיי נָאךְ גֶעלְט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָּיוֹן צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָּיוֹן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן מַיין שְׁוֶוער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁוֶוער אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, מַיין מַאן קוּקְט זֵייעֶר אַרוֹיף אוֹיף זַיין טַאטֶע אוּן הַאלְט שְׁטַארְק פוּן אִים. אָבֶער אִיךְ אַלְס שְׁנוּר אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים אַרוֹיפְצוּקוּקְן, אִיךְ זֶע נִישְׁט אַלֶעס אָבֶער פוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ הַאלְט מִיט זֶע אִיךְ טַאקֶע אַז עֶר הָאט אַסַאךְ מַעֲלוֹת אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אוֹיךְ ווִי עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, ווִי עֶר הֶעלְפְט וֵוייניג אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִים צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְקוּקְן.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין חוּצְפָּה'דִיג, אָבֶער עֶס אִיז מִיר בֶּאֱמֶת שְׁוֶוער אַרוֹיפְצוּקוּקְן מַיין שְׁוֶוער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וָואס גֵייט אַייךְ אָן אַייעֶר שְׁוֶוער? אִיר דַארְפְט אִים נָאר מְכַבֵּד זַיין אוּן שׁוֹין.**

**אַייעֶר מַאן - עֶר דַארְף הַאלְטְן פוּן זַיין טַאטֶע אוּן אִים אַרוֹיפְקוּקְן, אִיר זָאלְט אַרוֹיפְקוּקְן אַייעֶר מַאן, אִיר דַארְפְט נִישְׁט הַאלְטְן פוּן אַייעֶר שְׁוֶוער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## זָאל אִיךְ הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן פֶּסַח׳דִיג מַאכְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, וָואס מַאכְט מַיין לֶעבְן זִיס ווִי הָאנִיג.

אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים פֶּסַח'דִיג צוּ מַאכְן, זֵיי מַאכְן פֶּסַח'דִיג יֶעדֶע פְּלַאץ אוּן יֶעדֶע שַׁאפֶע אִין הוֹיז, אֲפִילוּ פְלֶעצֶער וואו עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען דָארְט אַ בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין לוֹיף פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט גָאר שְׁוֶוער פַאר פֶּסַח אַלֶעס צוּ רוּימֶען אוּן וַואשְׁן. וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִינֶעם פֶּסַח הָאבְן מִיר דִי הֶענְט אוּן פִיס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי בְּנֵי חוֹרִין אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צֶעהַאקְט אוּן צֶעזֶעצְט; כָּאטְשׁ וָואס אוֹיסֶערְלִיךְ הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, בִּין אִיךְ אָבֶער אִינֶעווֵוינִיג גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

יֶעצְט הָאב אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאב יֶעצְט נִישְׁט צוּפִיל וָואס צוּ טוּן אוּן צוּגְרֵייטְן אוֹיף פֶּסַח, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן אִיךְ זָאל וַוייטֶער קוּמֶען דָארְט פֶּסַח'דִיג מַאכְן בַּיי זֵיי אוּן אִיךְ הָאב זֵייעֶר נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אִיז אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זֵיי הֶעלְפְן; פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ קֶענְסְט טוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לא:) דֶער הֵיילִיגֶער רַב יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען וֶוען זַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין, עֶר הָאט אָבֶער זֵייעֶר גוּט גֶעהֶערְט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן דִי פִּיסְטְרִיט פוּן זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי שְׁכִינָה״.

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, בַּיי דִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין סַאךְ וָואס צוּ טוּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח

- זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח - מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פוֹילְקֵייט פוּן דִי ווַייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פֵיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיט אַ וואוּילֶע אוּן עֶרְלִיכֶע ווַייבּ, אָבֶּער זִי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאגְן אִין פוֹילְקֵייט, אוֹיף עֶפֶּעס אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן אוֹפְן. אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ זוֹיבֶּערֶע אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶענֶע שְׁטוּבּ, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִי ווַייט פַארְקֶערְט זִי אִיז פוּן דֶעם.

שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה בִּין אִיךְ דֶער וָואס רוֹימְט אוֹיף דִי הוֹיז יֶעדֶע וָואךְ, ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערוֹימְט. אִיךְ וואשׁ דִי גֶעשִׁיר ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס בְּלַייבְּן שְׁמוּצִיג אִין דִי קְרַאן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג. אִיךְ גְרֵייט אָן עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶס קֵיינֶער נִישְׁט צוּגְרֵייטְן. אוֹיסֶער דָאס וואשְׁן ווַאשׁ - טוּט מַיין ווַייבּ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מָאל אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף וָואס זִי טוּט יָא, אִיךְ זָאג אִיר אַ גַאנְצְן צַייט אַז זִי אִיז גוּט אוּן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט אִיר, אוּן אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר בִּכְלָל נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ אוֹיף, אָבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁטֶערְט עֶס מִיר יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מַיין ווַייבּ הָאט לִיבּ אַרַיינְצוּצִיעֶן דִי נַאכְט בִּיז אִין דִי גָאר שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין עֶרְשְׁט אֵיינְסֶע אָדֶער צְוֵוי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ דִי פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן ווִי פְרִיעֶר.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס לֶעבְּן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, מֶען קֶען זִיךְ אָבֶּער גְרִינְג מַאכְן אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער - אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז מֶען הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת - קֶען מֶען זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

מִיט גֶעדוּלְד אוּן לִיבְּשַׁאפְט קֶענְסְטוּ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז זִי זָאל טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, צוּ קוּקְן גוּט אוּן אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן. עֶס אִיז אֶפְשָׁר אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג, אָבֶּער עֶס אִיז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג וִוי צוּ נֶעמֶען דִי קוּרְצֶע וֶועג אוּן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ גֶטְ׳ן, אוּן נָאכְדֶעם דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי לַאנְגֶע בִּיטֶערֶע וֶועג.

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, נִישְׁטָא אֵיינֶער וָואס בַּיי אִים אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט אוּן גְרִינְג, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ; נָאר דֶער וָואס אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶעריבֶּער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי פְרֵיילִיךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זוּךְ גוּטְס אִין דַיין וַוייבּ. בּוֹי אִיר אוֹיף, שְׁטַארְק אִיר, זָאג אִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. פַאר יֶעדֶע מָאל וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער: ״בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד״, ״פוּן דִיר וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין״, ״טוֹיגְסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט״ - זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן טוֹיזְנְטֶער מָאל: ״בִּיסְט יָא״, ״פוּן דִיר וֶועט נָאךְ זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן״, ״בִּיסְט אַזוֹי גוּט אוּן אַזוֹי וואוֹיל״ - אַזוֹי וֶועט זִי וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דוּ זָאלְסְט נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּיי אִיר, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַייךְ; אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְוִוישְׁן אַייךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## דִי סְגוּלָה צוּ זָאגְן פַּרְשַׁת הַנְשִׂיאִים פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי סְגוּלָה פַאר אַ שִׁידוּךְ צוּ זָאגְן פַּרְשַׁת הַנְשִׂיאִים, אִיז נָאר פַאר בָּחוּרִים, אָדֶער אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶעם רֶבִּינְ׳ס תּוֹרוֹת אוּן סְגוּלוֹת אִיז פַאר אַלֶעמֶען, סֵיי פַאר מֶענֶער אוּן סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט. מַיין צֶען יֶערִיגֶער לֵייגְט אַוֶועק דָאס גֶעלְט, מַיין אַכְט יֶערִיגֶער שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, טוּישְׁט עֶס אוֹיף יֶעדֶע פָּאר טֶעג אוֹיף קְלֶענֶערֶע אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק צוּ גְרֶעסֶערֶע, אוּן דִי פִינְף יֶערִיגֶער ווִיל נָאר קוֹיפְן זַאכְן אוּן עֶס אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן; עֶס לָאזְן בַּיי זֵיי, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי, אָדֶער עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר זֵיי פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶס צוּנֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן בַּיי מִיר, אָבֶּער יֶעדֶע פָּאר טֶעג בֶּעטְן זֵיי עֶס צוּרִיק, אָדֶער ווִילְן זֵיי עֶפֶּעס קוֹיפְן דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן וָואס עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן - אַזוֹי וֶועט מֶען טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פְרֶעגְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן - דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן ווַייזְן פַאר דִי קִינְדֶער - אַז אַ אִיד פְרֶעגְט זַיינֶע פְּרַאגֶעס; מֶען גֵייט צוּם דַיָין, צוּם רָב, מֶען פְרֶעגְט. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי טוּן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן - וֶועלְן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַ רָב, אַ דַיָין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וָואס זֵיי מַדְרִיךְ זַיין.

לֵייג אַוֶועק זֵייעֶר חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט - בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי דָאס גֶעבְן. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעבְן פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## בִּין אִיךְ מְחוּיָב צוּ טוּן אַלֶעס אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְרֶעדְן אִיבֶּער דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת טוֹיג נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט בַּיי אוּנְז.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי דֶער מְשָׁרֵת אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ בִּין סַיי דֶער טַאטֶע אוּן סַיי דִי מַאמֶע אִין הוֹיז, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ צוּ טוּן אַלֶעס, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער צוּפִיל אוֹיסְגֶענוּצְט, אִיךְ דַארְף אַלֶעס מְסַדֵר זַיין, צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן, רֵיינִיגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶע זַאכְן וָואס אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע פְרוֹי וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים.

וֶוען דִי קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין צוּם דָאקְטֶער, דַארְף אִיךְ זֵיי נֶעמֶען, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ בֶּעט אִיר זִי זָאל כָאטְשׁ מַאכְן דֶעם אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים דָאקְטֶער, אָבֶער זִי פַּייפְט מִיךְ אָן. אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן דָאס קִינְד אִיז שְׁמוּצִיג בִּיז אַרוֹיף אוּן אִיךְ דַארְף זוֹיבֶּערְן אוּן אָפְּבָּאדְן. וֶוען אִיךְ רוּם אוֹיף הֶעלְפְט זִי מִיר אַבִּיסְל, אִין דִי צַייט וָואס עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פַארְקֶערְט, וָואס אִיךְ טוּ וֶוערְט גֶעטוּן, אוּן וָואס נִישְׁט - נִישְׁט. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט אַ נָארְמַאלֶע הוֹיז, וואוּ מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ נָארְמַאל מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי הוֹיז.

אִיךְ קוּם פוּן אַ נָארְמַאלֶע צוּזַאמְגֶענוּמֶענֶע שְׁטוּבּ, אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲלוֹמוֹת פוּן אַ שֵׁיינֶע בַּאלְבַּאטִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, אָבֶער אִיךְ דַארְף כָאטְשׁ אַ מִינִימַאלֶע נָארְמַאלֶע הוֹיז, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי זִי אִיז גָארְנִישְׁט גְרֵייט צוּ טוּן פַאר מִיר. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען מַיין וַוייבּ אַמָאל שֵׁיין אָנְגֶעטוּן וִוי אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר וֶוען מֶען מוּז גֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה, זִי אִיז גָארְנִישְׁט גְרֵייט צוּ טוּן. אֵיין טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי וִויל זִיךְ אָנְטוּן אוּן אַרוֹיסְגֵיין מִיט מִיר אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, אָבֶער דָאס אוֹיךְ נִישְׁט.

אִיךְ טוּ פַאר אִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן פַאר דִי הוֹיז אוּן דִי קִינְדֶער טוּ אִיךְ דָאס רוֹבּ, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט קוּמְט עֶס זִי זָאל מִיר מַאכְן עֶפֶּעס אַ טְרִינְק אָדֶער

עֶסְן, אָבֶער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, אִיךְ מַאךְ אִיר אַ קַאוֶוע, שְׁפֶּעטֶער מַאךְ אִיךְ אִיר עֶסְן. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס אִיז נִישְׁט יוֹשֶׁר, עֶס אִיז נִישְׁט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען גוּט אוּן פָּשׁוּט יֶעצְט וַוייל זִי פִּילְט נִישְׁט גוּט קֶען זִי נִישְׁט, וִוי אִיךְ גֶעדֶענְק זַייט דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעגֶעבְּן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען.

עֶס קוּמְט נָארְמַאל אַז אַ פְרוֹי זָאל הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה, הָאבְּן אַ טַאלַאנְט אַרָאפְּצוּלֵייגְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע שֵׁיינֶע טֶעלֶער עֶסְן צוּם טִישׁ, זִי אִיז אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם, אַלֶעס אִיז אַ גַאנְצֶע טוֹבָה גֶעטוּן. אִיךְ דַארְף זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִיר, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן אַלְטֶע בַּאבֶּע וָואס רִירְט זִיךְ מִיט דִי לֶעצְטֶע כֹּחוֹת, וֶוען זִי בֶּעט אָבֶער עֶפֶּעס פוּן מִיר מוּז אִיךְ עֶס גְלַייךְ טוּן, אוֹיפְן אָרְט, מִיטְן גְרֶעסְטְן חֵשֶׁק.

לְאמִיר זָאגְן חַס וְשָׁלוֹם אַז אֵיינֶעמְ'ס וַוייבּ אִיז נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, זִי קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוּן דֶער מַאן אִיז אִיר גֶעטְרֵיי, דֶעמָאלְט אִיז אַנְדֶערְשׁ, וַוייל לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי גֶעוֶוען גֶעטְרֵיי פַאר אִים אַלֶע יָארְן, אוּן יֶעצְט נֶעבֶּעךְ אִיז זִי קְרַאנְק. אִיךְ הָאבּ אָבֶער גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן מַיין וַוייבּ.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין גֶעוֶוען גְרִינְגֶער אַלְס בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּן גֶעפְרֵיידְט, יֶעצְט אַרְבֶּעט אִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא, אָבֶער אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק פוּן אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן אַזוֹי שְׁלֶעכְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס קוּמְט מִיר דָאס.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע. קְלַאפּ אַרוֹיס פוּן קָאפּ אַז בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז בֶּעסֶער, בֶּעסֶער אִיז אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט,

בֶּעסֶער קֶען וֶוערְן בַּיי דִיר אִין מֹחַ; אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת - וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן, בַּיי דִיר אִין קָאפּ קֶען וֶוערְן גוּט.

אַ נַארִישְׁקֵייט צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער פוּן דִיר, אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר זָאגְן עֶר הָאט יָא שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז דָאס וַוייל עֶר אַרְבֶּעט אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט חַזֶרְ'ן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט אוּן אִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶענְקֵייט, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶועט דִיר וֶוערְן גוּט, אוּן וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט זִיךְ עֶסְן דַיינֶע קִישְׁקֶעס אַז דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שֵׁיינֶע וַוייבֶּער, דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער - בִּיסְטוּ אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת.

וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גוּט פַאר אִים? מֶען דַארְף גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר - אִיז דָאס דַיין וַוייבּ לוֹיט דַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה אוּן אוֹיף דִיר לִיגְט דִי אַרְבֶּעט פוּן זוּכְן אִין אִיר גוּטְס אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז דַיין מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט; מִיט אַלֶעס וִוי אַזוֹי דוּ לֵייגְסְט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ, מִיט אַלֶע אִירֶע שְׁוַואכְקֵייטְן - בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶערֶעכְט. וַוייל מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ"א"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן. דֶער מַאן קֶען מַאכְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער מַאן קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי וַוייבּ אוּן אִיר מַאכְן פַאר דִי גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע פְרוֹי.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז. (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּדֶּמֶת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְרוֹי, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט בִּיז זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט, "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר

בְּאִשְׁתּוֹ", עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר גַאנְץ לֶעבְּן; עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן ווִיסְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַ גֶעלֶעמְטֶע? אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? נָאר קֶען זַיין, פְּשַׁט אִיז, אַז זִי הָאט יָא גֶעהַאט הֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע הֶענְט, אִירֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט רִיקְן, נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאלֶעבָּאסְטֶע, זִי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן אִיר מַאן הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע מַעֲלוֹת. דִי גְמָרָא רוּמְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ וַוייבּ; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסְקֵייט, דָאס אַז אַ צָנוּעַ, אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע גֶעלֶעמְטֶע וַוייבּ.

בְּרוּדֶער, דִי תּוֹרָה פוּן אֲזַמְּרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) – אִיז דַיין עֵצָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זוּכְט אוֹיף גוּטְס, אֲפִילוּ אִין אַ רָשָׁע – וֶוערְט יֶענֶער אוֹיס רָשָׁע. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אַז מֶען זוּכְט אוֹיף דִי גוּטְס אִין אַ צְוֵוייטְן, אַז מֶען זוּכְט גוּטְס אִין דִי וַוייבּ, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטְס – וֶועט זִי וֶוערְן גוּט. קוּק אוֹיף דַיין וַוייבּ וִוי אוֹיף אַ קִינְד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען קָאכְט, מֶען רוּמְט, מֶען מַאכְט אוּן מֶען טוּט, לֶערְן אִיר אוֹיס, בּוֹי אִיר אוֹיף.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "וְאֵינָהּ כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", דִי וַוייבּ וֶוערְט אֵיינְס מִיטְן מַאן וָואס מַאכְט אִיר אַ כֵּלִי; אַ מַאן וָואס בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר – וֶועט זִי דִיר וֶוערְן גֶעטְרֵיי, זִי וֶועט דִיר אַלֶעס טוּן.

קְלַאפּ דַיין מוֹיל, רֶעד נִישְׁט פוּן יֶענֶע מַעֲשֶׂה, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין לֶעבְּן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַחֲלוֹת? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דֶעם אַלֶעם?! מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי טִירְן פוּן גֵיהִנּוֹם, עֶס

הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיךְ אַוֶועק פוּן דָא!" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ און אִים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרֵייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער און אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אִין גֵיהִנוֹם", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶענֶענְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא פְלֶעגְט לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל; זִי פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, וֶוען זִי אִיז גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז הָאט זִי אִים גֶעזִידְלְט און גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט"; זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער, עֶרְגֶער פוּן אִים אִיז נִישְׁטָא.

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט פוּנֶעם חָלוֹם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'הַלְוַואי זָאל מַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל שְׁרֵייעֶן נָאךְ אוֹיף מִיר; אוֹיבּ קוּם אִיךְ אָפּ מִיט דִי צַעַר, דִי עוֹנְשִׁים פוּן גֵיהִנוֹם - אִיז מִיר דָאס כְּדַאי'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### מֶעג מֶען צוּגְרֵייטְן עֶסְן צוּ פַארְקוֹיפְן אִין חָמֵץ פַאר פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׂמְחָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת נָאךְ פֶּסַח אִם יִרְצֶה ה', הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פַארְקוֹיפְן חָמֵץ; גֶעוֶוענְלִיךְ גְרֵייט אִיךְ צוּ פְרִיעֶר צוּ הָאבְּן מֶער עֶסְן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אִין פְרִיזֶער, און דָאס מַאכְט מִיר גְרִינְגֶער שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער דָאס מָאל קֶען אִיךְ נִישְׁט וֶועגְן פֶּסַח. וְויל אִיךְ אָבֶּער וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען מַאכְן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ

חָמֵץ, אוֹיף אַוֶּועקְצוּלֵייגְן אוּן פַארְקוֹיפְן בַּיי מְכִירַת חָמֵץ; לְמָשָׁל רַייז, קָארְן פְּלֶעקְס קְרָאמְבְּס פְּלֵייש, אוּן דָאס גְלַייכְן. מֶעג מֶען דָאס טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**רַייז, קָארְן פְּלֶעקְס אוּן בָּאנְדְלֶעךְ - קֶענְט אִיר אָנְגְרֵייטְן אוּן פַארְקוֹיפְן, אָבֶּער חָמֵץ - זָאלְט אִיר נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן אוּן פַארְקוֹיפְן, וַוארְפְט אַרוֹיס אַלֶע חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ.**

**מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ פוּן מֹחַ, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה): ״וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ״, דִי קַשְׁיוֹת - דָאס אִיז חָמֵץ, דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיסְרוֹימֶען, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חָמֵץ אִין מֹחַ, נָאר וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז - אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.**

...

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין כִּתָּה א' אִינְגְל אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אֵיין טָאג פוּן חֵדֶר, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז

אַ אִינְגֶל אוֹיפְן בָּאס הָאט גֶעהַאקְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיף זִיךְ אוֹיף אַ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע פְּלַאץ וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקוּקְט, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן, זֶען וֶוער זֶענֶען זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג. אוּן וֶוען קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּן חֲבֵרִים אוּן פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל - אִיז ווִיכְטִיג זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן זֵיי לֶערְנֶען צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן זֵיי זָאגְן וֶוער עֶס אִיז גוּט פַאר אַ חָבֵר אוּן מִיט וֶועם זִיךְ נִישְׁט צוּ חַבְרְ'ן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַסַאךְ טְרַאכְטְן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ זַיין אֵיידְל וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען טְרַאכְט אַז מֶען הָאט צַייט צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, אָבֶּער עֶס אִיז אַ טָעוּת, וַוייל שְׁפֶּעטֶער אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אֵיידְל אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ יוּנְגֶערְהֵייט - וַואקְסְן זֵיי אוֹיף נִישְׁט גוּט.

אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יג): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת, וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין שׁוּל, אַלֶע מִתְפַּלְלִים הָאבְּן שֵׁיין גֶעדַאוֶוענְט הַלֵל אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט הַלֵל, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' אִין שׁוּל הוֹיךְ פַאר אַלֶעמֶען, "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ, וְהֵשִׁיב

וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ? תִּינוֹק הוּא! יְשַׂחֵק!'" מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דֶעם אִיד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זוּן, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן, עֶר דַאוֶונְט נִישְׁט אוּן עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג וְכוּ'", דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן, כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, טָאג נָאךְ טָאג, מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָּנִים: אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע", פִּירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר בִּיז זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אִים אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי קִינְדֶער - אֵיינֶער אַ בְּלִינְדֶער אוּן אַ הִינְקֶעדִיגֶער, אוּן אֵיינֶער אַ שׁוֹטֶה אוּן אַ רָשָׁע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וָואס הִיט אָפּ אַ פְּרוֹי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ מִשְׁנַיוֹת הִיט אָפּ אַ מַאן פוּן מַייז אוּן וֶוערֶעם אִין קֶבֶר, דֶעמָאלְט וָואס הִיט אַ פְּרוֹי? אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אַלֶעמָאל אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי גְמָרָא פְרֶעגְט שׁוֹין דִי פְרַאגֶע (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן"; אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת - אִיז וָואס וֶועט זֵיי הִיטְן אִין קֶבֶר, אוּן אוֹיף וָואס וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא", מִיט דֶעם וָואס זֵיי צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אָפּ דֶעם מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען - דָאס וֶועט זֵיי הִיטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי הָאבְּן שְׂכַר.

וֶוען אַ פְרוֹי הֶעלְפְט אִיר מַאן זַיין עֶרְלִיךְ, זִי הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג אוּן קֶענֶען הָאבְּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, לֶערְנֶען דִי הַיילִיגֶע תּוֹרָה - בַּאקוּמְט זִי מֶער שְׂכַר פוּנֶעם מַאן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת, שָׁם): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן שְׂכַר, "יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", מֶער וִוי מֶען הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענֶער.

ווארִיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן בּוֹיט אוֹיף אִיר מַאן, זִי שְׁטוּפְּט אִים צוּ לֶערְנֶען - וֶועט זִי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אוֹיף מִנְהָגִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁטֵייעֶנְדִיג יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בָּארָא פַּארְק אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח.

מַעֲרִיב דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח, דַארְף מֶען וַוארְטְן אוֹיפְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם?

סְפִירַת הָעֹמֶר, דַארְף מֶען וַוארְטְן אוֹיפְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם?

דִי צְוֵוייטֶע טָאג פֶּסַח זָאגְט מֶען יוֹצְרוֹת בַּיי שַׁחֲרִית?

מִנְחָה מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב רִאשׁוֹן, וָואס קוּמְט אוֹיס דָאס יָאר עֶרֶב שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד, זָאגְט מֶען הוֹדוּ?

אוּן וָואס אִיז וֶועגְן זָאגְן כְּגַוְונָא שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד?

יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן "הוֹדוּ" בַּיי תְּפִלַּת מִנְחָה עֶרֶב פֶּסַח, סַיי דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג אוּן סַיי דִי צְוֵוייטֶע טֶעג. (בַּיי מִנְחָה עֶרֶב שְׁמִינִי עֲצֶרֶת זָאגְן מִיר נִישְׁט הוֹדוּ).**

**מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן צוּ דַאוֶוענֶען תְּפִלַּת עַרְבִית אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט וַוארְטְן צוּ צֵיילְן סְפִירָה אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.**

**מִיר זָאגְן דִי יוֹצְרוֹת דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוֹיסֶער דֶעם פִּיוּט "שׁוֹר אֲשֶׁר מֵאָז", דָאס לָאזְן מִיר אוֹיס, אוֹיךְ דֶעם לַאנְגְן פִּיוּט פַאר קְדוּשָּׁה "בְּעֶשֶׂר מַכּוֹת" - לָאזְן מִיר אוֹיס.**

מִיר זָאגְן נִישְׁט "הוֹדוּ" בַּיי מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען שַׁבָּת גֶעפַאלְט אִסְרוּ חַג זָאגְט מֶען נִישְׁט "הוֹדוּ" בַּיי מִנְחָה.

מֶען זָאגְט נִישְׁט דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר "כְּגַוְונָא" - שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ דוּכֶענֶען שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד.

מִיטְל נַאכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען יָאגְט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט, אִיז כְּדַאי צוּ רֶעדְן דִּבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ הֶעלְפֶער אִין חֵדֶר וָואס טוּט גֶעמֵיינֶע זַאכְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אִין אַ גֶעווִיסֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז דָא אַן עוֹזֵר, אַ הֶעלְפֶער, וָואס קוּמְט אַרַיין אִין קְלַאס בַּיי הַפְסָקָה. אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזֶען וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין קְלַאס אִינְמִיטְן הַפְסָקָה ווִי עֶר זִיצְט מִיט קִינְדֶער אוֹיף נִישְׁט אַן אֵיידֶעלְן אוֹפֶן.

זָאל אִיךְ אִים מֶער נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן אִין מַיין קְלַאס? אָדֶער אִיז גֶענוּג אַרַיינְצוּגֵיין כְּסֵדֶר צוּ הַאלְטְן אַן אוֹיג, אוּן אִים וָוארֶענֶען נִישְׁט צוּ טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט?

יִיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד צוּ אִים, זָאג אִים אַז וָואס עֶר טוּט אִיז אַ סַכָּנָה, וַוייל עֶר קֶען אֵיין טָאג אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה.

הוֹיבּ אָן מִיט גוּטְנְס, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט רֶעדְן - זָאלְסְטוּ אִים אַוֶועק שִׁיקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן וואוּ דוּ הַאלְסְט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ אוּן עֶר הָאט אַ תַּעֲנוּג פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט; זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קָלַט): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ פַארְגֶענִיגְן, "אַף אִם נַעֲשֵׂית עַל יְדֵי קָטָן שֶׁבִּקְטַנִּים", אֲפִילוּ פוּן וָואס גָאר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אוּנְז טוּעֶן, "וּבְלִי כַּוָּנָה וּשְׁלֵמוּת הָרָאוּי לְהַמִּצְוָה", אֲפִילוּ מִיר טוּעֶן דָאס אָן כַּוָונָה אוּן נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, "עִם כָּל זֶה יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מֵהַמִּצְוָה", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע פַארְגֶענִיגְן פוּן דִי מִצְוָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי'ן. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועט דִיר דָאס מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

...

**ווֶער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים ווֶעט נִישְׁט זַיין דוּרְשְׁטִיג אִין הִימְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים; אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן אוֹיךְ זָאגְט אִיר תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפה) תְּהִלִּים אִיז אַ גוּטֶע טְרִינְק פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן ווֶער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים ווֶעט נִישְׁט זַיין דוּרְשְׁטִיג אִין הִימְל נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי ווֶועלְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כג).

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; יֶעצְט בַּיי דִי ווֶעכְצְן יָאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ דְרֵייווְן, אִיר הָאט צַייט שְׁפֶּעטֶער. נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה זָאלְט אִיר פְרֶעגְן, אִיךְ ווֶעל אַייךְ דֶעמָאלְט עֶנְטְפֶערְן.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר הָאט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווּאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן. אִיר זָאלְט זֵיי הֶעלְפְן אוּן זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

...

**פְרֶעגְן אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִיק, דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי יְשׁוּעָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

״וּתְשׁוּעָה״, אוּן אַ הִילְף קוּמְט, ״בְּרֹב יוֹעֵץ״, ווֶער עֶס אִיז זִיךְ אַסַאךְ מִתְיַיעֵץ (מִשְׁלֵי יא, יד).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קמג): ״וּתְשׁוּעָה״, אוּן אַ הִילְף קוּמְט, ״בְּרֹב יוֹעֵץ״, ווֶוען מֶען נֶעמְט אַן עֵצָה פוּנֶעם צַדִיק. ׳רֹב׳ דָאס אִיז אַ רֶבִּי, אַ צַדִיק. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ט.): ״מֹשֶׁה, אַיְדֵי דִּנְפִישׁ זְכוּתֵהּ כְּרַבִּים דָּמֵי״, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז ווִי אַסַאךְ; ווַייל ווֶוען מֶען פְרֶעגְט אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִיק, אִיז אֲפִילוּ עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס גוּט - ווֵייסְט

מֶען אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט קַיין עֵצָה פוּנֶעם צַדִיק בְּרֶענְגְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס דָאס שְׁלֶעכְטְס.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֵיין צוּ צַדִיקִים אוּן נֶעמֶען בַּיי זֵיי עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. מִיט דֶעם אַלֵיינְס וָואס מֶען פְרֶעגְט אַן עֵצָה, דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי יְשׁוּעָה, דָאס אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט אַייךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף שֵׁיין וַואקְסְן. אִיר זָאלְט נָאר אֵיין זַאךְ טוּן, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן אַלְץ שֶׁעפְּשֶׁען דַאנְק וֶוערְטֶער, וִוי: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אִיךְ לִיבּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן נִיסִים.

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט מֶעסְטְן מִיט יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס זֶענֶען אַייךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעוַואקְסְן, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם.

...

## עֶס פְלַאקֶערְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר טְרַאכְט, אֵיין מִינוּט ווִילְט אִיר זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, אוּן וֶוען אִיר זֶעט מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ אָנְגֶעטוּן מֶער

פְּרָאסְט - ווילְט אִיר פְלוּצְלוּנְג גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווי זֵיי; אוֹיף דֶעם אִיז דָא אֵיין עֵצָה, דִי עֵצָה אִיז הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע וֶועג, לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט.

דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז אִיךְ בִּין אַ אִידִישׁ קִינְד. הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן מִיט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן שְׁפִּירְן ווִי טֵייעֶר אִידְן זֶענֶען, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אֵיין מִינוּט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, נָאכְדֶעם ווִיל אִיךְ זַיין פְּרָאסְט, עֶס פְלַאקֶערְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט שֵׁיין, אִיז פַארְוָואס ווִיל אִיךְ דָאס?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדֵיקֶת, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גוּט, אִיךְ ווִיל דִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ ווִיל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זַיין אֱמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ. דָאס וָואס צִיט מִיךְ צוּם גוֹי טָמֵא אִיז פוּן מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס רֶעדְט מִיךְ אַיין אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט בִּפְרִיצוּת אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; נִישְׁטָא קַיין פְרֵיילִיכְקֵייט נָאר בַּיים עֶרְלִיכְן אִיד, אוֹיךְ לִיבְשַׁאפְט אִיז נָאר דָא בַּיי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן. בֶּעט אִיךְ דִיר, אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא ה׳ הַצְלִיחָה נָא, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, אוּן דִי הֵיילִיגֶע אִמָהוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה, עֲנֵנוּ ה׳ עֲנֵנוּ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ".

...

**לֵייג דִיךְ אַרַיין אִין דִי צֶען זַאכְן, וֶועסְטוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע דַיינֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע צְוֵויי בְּרִיוו.

דֶער צְוֵוייטֶער בְּרִיוו אִיז אַן עֶנְטְפֶער אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן בְּרִיוו. דוּ פְרֶעגְסְט אִינֶעם עֶרְשְׁטְן בְּרִיוו וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִינֶעם צְוֵוייטְן בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ, הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, טָמֵא גֶעוָוארְן אוּן מְטַמֵּא גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע. דָאס אִיז וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט דִיר, אַז דוּ פְרֶעגְסְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר נִמְאָס; וֵוויי אוּן בִּיטֶער אִיז - אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען וֶוערְט פַארְשְׁנִיטְן, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער - זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין דִי פָּאר נְקוּדוֹת:

1) גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

2) דַאוֶוען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט אַ סִידוּר.

3) זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - יֶעדְן טָאג [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

4) נָאךְ שַׁחֲרִית זִיךְ וַואשְׁן אוֹיף בְּרוֹיט, עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה, מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער.

5) לֶערְן חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער צְוֵוייטֶער שִׁיעוּר זָאל זַיין מִשְׁנָיוֹת, זָאג מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן בְּלִי הֲבָנָה. מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן חַ״י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס הַרְגֶ׳עט דֶעם יֵצֶר הָרָע. הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינְט

פון די בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה דורְךְ די סְגולָה פון זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם.

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעור אִין גְמָרָא. לֶערְן שַׁ״ס כְּסִדְרָן, זָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע שֵׁדִים, קְלִיפּוֹת, מַשְׁחִיתִים און מַזִּיקִין - וָואס דו הָאסְט בַּאשַׁאפְן פון אַלֶע טִפּוֹת לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

6) זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אַז דו קֶענְסְט זֵיי בַּאזוּכְן - גֵיי זֵיי בַּאזוּכְן, און אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, רֶעד מִיט זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

7) הִיט שַׁבָּת און זַיי פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת.

8) גֵיי הֲפָצָה, בְּרֶענְג צוּרִיק נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶועט מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דִי אַלֶע וָואס דו הָאסְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען.

9) וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֵויין צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין און דִיר שׁוֹין גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר דֶער וָואס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ אִים, בֶּעט אִים און טַעְנָה'ט מִיט אִים.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דִי תְּפִילּוֹת פון בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ וָואס פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת וֶוען זֵיי הָאבְן נִישְׁט זֵייעֶר שִׁידוּךְ און זֵיי ווִילְן זַיין גוּט, נָאר זֵיי פַאלְן און פַאלְן. וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעבֶּעט, מִיט טְרֶערְן, זֵיי וֵויינֶען: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג? וָואס קֶען אִיךְ טוּן נִישְׁט צוּ פַאלְן? וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ זַיין הֵיילִיג? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין, אִיךְ פַארְלִיר מַיין בְּחִירָה, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר נִיאוּף, טַאטֶע גִיוַואלְד, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פון נִיאוּף אִין מִיר, רַאטֶעוֶע מִיךְ!״ דַאן קוּמְט דֶער מַלְאָךְ און נֶעמְט אַרוֹיף דִי תְּפִילּוֹת און מַאכְט פון דֶעם אַ שֵׁיינֶעם קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דו וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי נַיין נְקוּדוֹת און דו

וֶועסְט צוּלֵייגְן דִי צֶענְטֶע זַאךְ, דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵן זַיין.

בְּרוּדֶער בַּאנֵיי זִיךְ, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דַיין עָבָר, זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג - פַארְגֶעס, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען; לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין דִי צֶען זַאכְן: מִקְוֶה; תְּפִלָּה; תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; פַּת שַׁחֲרִית; לִימוּד הַתּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); כִּיבּוּד אָב וָאֵם; שַׁבָּת; הֲפָצָה; הִתְבּוֹדְדוּת; שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

### דִי בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען דָאס פַאר זֵייעֶר וֶועג וַוייזֶער, פַאר זֵייעֶר מוֹרֶה דֶּרֶךְ; גַאנְצֶע שְׁטוּבֶּער הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען, זֵיי נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיאַל.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, דִי מַטָּרָה מַיינֶע פוּן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו אִיז נָאר פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן צוּ אַלֶע שְׁטוּבֶּער, טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס, דָאס אִיז מַיין וֶועג ווִי אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי, (עַל כָּל פָּנִים וֶוער עֶס ווִיל מִיךְ אוֹיסְהֶערְן). אַז דִי מְפִיצִים ווִילְן דָאס מֵפִיץ זַיין - קֶענֶען זֵיי דָאס טוּן, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז נִישְׁט; דִי בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ אַרְבֶּעסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַז דָאס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן בַּא'טַעמְ'ט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן אַ נֵייעֶם דֶעקֶל, אַ קָאלִירְטֶע דֶעקֶל פַאר די וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, און יֶעדֶע יָאר פֶּסַח זָאלְסְטוּ בַּייטְן דֶעם דֶעקֶל, אַזוֹי אַז עֶס זָאל זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס זָאל זַיין פְּרִישׁ.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל צֶעטֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן.

מַעֲשֶׂה:

דִי זוּן הָאט נָארְוָואס אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, עֶס בְּלָאזְט אַ ווִינְט, דִי וַואסֶער אִיז אוֹיךְ שֵׁיין בְּלוֹי; שְׁטֵייט זִי און קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל און זָאגְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט, וָואס וֶועט דָא זַיין? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין טַאטֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אֲפִילוּ דִי אֵיין הֶעמְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אוֹיסְוַואשְׁן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב - אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְן ווִינְט...״

דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים יַם אִין טֶערְקֵיי, זִי אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט אִיר טַאטֶע. זֵיי פָארְן יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיף פֶּסַח זֶענֶען זֵיי אִין דִי שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל. דִי צַדֶיקֶת אָדְל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם אוֹיסְוַואשְׁן אַ הֶעמְד אַז אִיר טַאטֶע זָאל הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן אָן קַיין גֶעלְט און אָן עֶסְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט אַיינְפַּאקְן עֶסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען ווִי שְׁנֶעלֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר ווִיל זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חַיִּים בֶּן עַטַר, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי צַדֶיקֶת אָדְל הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְז, מַאךְ אַ נֵס, עֶס אִיז שׁוֹין עֶרֶב פֶּסַח מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר דַארְפְן מַצוֹת, וַויין, פִישׁ און פְלֵייש פַאר יוֹם טוֹב, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁטוּבּ וואוּ צוּ זַיין״.

פְּלוּצְלוּנְג זֶעט זִי וִוי עֶס קוּמְט צוּ פָּארְן אַ גְרוֹיסֶער וָואגְן, דִי וָואגְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ, אוֹיפְן וָואגְן זִיצְט אַ פָּארְפָאלְק, אַ מַאן אוּן וַוייבּ, זֵייעֶר רַייכֶע מֶענְטְשְׁן. זֵיי פְרֶעגְן אָדְל: "מִיר זוּכְן זֵייעֶר דֶעם צַדִיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֶפְשָׁר וֵוייסְט אִיר פוּן אִים צוּ זָאגְן? אֶפְשָׁר הָאט אִיר גֶעהֶערְט וואוּ עֶר אִיז?" אָדְל זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן דֶעם צַדִיק, מַיין טַאטֶע זִיצְט אִין שׁוּל, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" זֵיי זָאגְן זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶעס פַאר יוֹם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל אַלֶעס הָאבְּן.

דִי צַדֵיקֶת אָדְל זָאגְט גְלַייךְ: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ דַאנְק דִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ וֶועלְן הָאבְּן אַלֶעס אוֹיף יוֹם טוֹב".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן. אֲפִילוּ מֶען הָאט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן נִיסִים, אוּן אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, עֶפֶּעס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן הַאנְט זָאל מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶעטוּן וֶוען דִי הֶעמְד אִיז אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן אִיר הַאנְט.

קִינְדֶער מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶוער דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל, וְיִקָרֵא שְׁמָהּ בְּיִשְׂרָאֵל, פֵּיגָא - נָאכְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל

אוֹיסְגֶעוואַקְסְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִיר אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּינְ'ס עֶלְטֶערְן - שִׂמְחָה אוּן פֵיגָא - דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל. עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל, אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו, יֶעדֶער קֶען נוּצְן דִי בְּרִיוו פַאר הִתְחַזְקוּת, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה):

"הִגִּיעַנִי מִכְתָּבוֹ פֹּה זַאסְלַאב", אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, "וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג, "אֵיךְ מָלְאוּ לִבָּם הָאֲנָשִׁים הָרְשָׁעִים הָאֵלֶּה וְהֵעִזּוּ פְּנֵיהֶם כָּל כָּךְ נֶגְדְּךָ", ווִי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיפְפִירְן מִיט אַזַא עַזּוּת, "וְתָמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ לֹא נִמְצָא טוֹב לַעֲמֹת רַע כְּנֶגְדָּם לְבַעֵר הָרַע", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, ווִי קֶען זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָנֶעמֶען פַאר דִיר?

"אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת הַשֵּׁם, "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גִּדּוּלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי ווִי אַלֶע פְּרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוּמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער

נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט, "כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָּנָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

אַגַב, מַיינֶע קִינְדֶער שֶׁיִּחְיוּ זֶענֶען אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' אַבְרָהָם עֶבִּיר רָאזֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִזַּאוִוידְקָא דוּרְךְ מַיין שְׁוֶוער'ס שְׁוֶוער, הָרַב הַחָסִיד ר' יִצְחָק דָוִד פְּרִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב הַחָסִיד ר' שְׁלֹמֹה גֶפֶן בֶּן ר' מֶענְדְל גֵּרְשׁוֹן חֲתַן ר' מֵאִיר גְרָאס, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי ר' סֶנְדֶר פֶּערְלְמַאן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי אַן אֵיינִיקֶל פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם עֶבִּיר רָאזֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִזַּאוִוידְקָא, אוּן עֶס אִיז דָא אַ יֵשׁ אוֹמְרִים אַז דֶער רֶבִּי אַבְרָהָם עֶבִּיר אִיז אַן אֵיינִיקֶל פוּן רֶבִּינְ'ס עֶלְטֶערְן דוּרְךְ רֶבִּי יְחִיאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק אַלֶע חֲבֵרִים. וִויפִיל אִיר בֶּענְקְט צוּ מִיר - בֶּענְק אִיךְ זִיךְ אַסַאךְ מֶער צוּ עֶנְק. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ עֶנְק בֶּעפָאר פֶּסַח, אָבֶער לֹא אִיסְתַּיְּיעָא מִילְּתָא. עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מִיר זֶענֶען וַוייט, אָבֶער מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט, עֶס זֶעט נָאר אַזוֹי אוֹיס.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן מֶער אֵיינְצֶעלְהֵייטְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל, אִיךְ הָאבּ דָאס זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. לֶעצְטְנְס הֶער אִיךְ נִישְׁט פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ; שְׁרַייבּ מִיר כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ עֶפֶּעס פוּן דִיר אוּן עֶפֶּעס פוּן שׁוּל.

גֶעבּ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע גְרוּס פַּאר הָאַבְרֵךְ ... אוּן פַּאר ... זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר יֶעדְן טָאג וִוי לַאנְג זֵיי גֵייעֶן הֲפָצָה אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן מֵפִיץ גֶעוֶוען, דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב. אוֹיךְ דִי בְּנֵי בְּרַק'עֶר בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה - לָאז זֵיי אַלֶע גְרוּסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דִי יָאר צוּ עֶסְן פוּנֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ דִי יָאר עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח.

...

## אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיב דוּ מֶעגְסְט נֶעמֶען פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע וָואס טֵיילְט אוֹיס לִכְבוֹד פֶּסַח פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן נֶעמֶען פוּן קֵיינֶעם, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע פַאר דִיר אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען הֶעלְפְן דִי וָואס גֵייעֶן נִישְׁט הֲפָצָה.

אִיךְ זֶע מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה - דִי לַאכְן זִיךְ גוּט אוֹיס, דִי הָאבְּן שֶׁפַע, אוּן אַז נִישְׁט - דַארְף מֶען אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ׳ס טוֹבוֹת.

הַלְוַאי וָואלְסְטוּ גֶענוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אוּן גֶעמַאכְט אַ חַבּוּרָה, גֵיין יֶעדְן טָאג אִין דִי הַייזֶער, יְשִׁיבוֹת אוּן כּוֹלְלִים. דָאס אִיז תִּיקּוּן הַבְּרִית, קֵירוּב הַגְּאוּלָּה אוּן מַתַּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ - מֶען קֶען לֶעבְּן אָן חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דַאוֶועןְ מִיט מִנְיָן אוּן טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה. מִיר זָאגְן אַלֶע חֳדָשִׁים יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אָבֶּער הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אוּן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל - זָאגְן אַלֶע יוֹם כִּיפּוּר קָטָן. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶערְכֶענֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, סַיי אוֹיף בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן סַיי אוֹיף בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ. נֶעם זִיךְ פָאר צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ;

בַּיי דִי צְוֵויי זַאכְן דַארְפְסְטוּ אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן, דוּ דַאוֶּוענְסְט טָאג אֵיין טָאג אוֹיס בִּיְחִידוּת, אוּן דוּ פְלִיקְסְט אוּן שְׁטֶעכְסְט דַיין וַוייבּ; דִי צְוֵויי זַאכְן נֶעמְט אַוֶּועק דִי שֶׁפַע.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶּוענֶען, אוּן זִיךְ פַארְמַאכְן דָאס מוֹיל אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וֶוען דוּ קֶענְסְט, זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא אִין שְׁטֶעטְל, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם".

דִי וֶוערְטֶער פְלֶעגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן. וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דִי יְשִׁיבָה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט"; דִי קִינְדֶער, דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ - אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי רוּאִיג, אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, אָנְגֶעפִילְט מִיט שִׂמְחָה; אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן דָארְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן כַּשֶׁרְ'ן מַיין קָאךְ, וַוייל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ גֶע'כַּשֶׁרְ'ט דִי קָאךְ אוּן אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט, מִיר פִירְן זִיךְ, אֲפִילוּ מֶען כַּשֶׁרְ'ט - דֶעקְט מֶען אִיבֶּער אַלֶע קַאוּנְטֶערְס, סִינְקְס אוּן טִישׁ, אַלֶע פְלֶעצֶער וואו מֶען עֶסְט חָמֵץ.

וֶוען דוּ קֶענְסְט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן; אַז דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל, דוּ טְרֶעפְסְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָדֶער אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער - רֶעד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַן אֵייניקְל פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיךְ אַן אֵייניקְל פוּן טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג. עֶר פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן נָאר פוּן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער דִי נַיינְצִיג יָאר אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ - הָאט עֶר גֶערֶעדְט נָאר פוּן רֶבִּי'ן. מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי אַבְרָהָם, וָואס מוּטְשֶׁעט אִיר זִיךְ אַזוֹי צוּ רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, אִיר הָאט קוּים כֹּחַ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת צוּ מִיר, וְוִיל אִיךְ עֶר זָאל מִיר צוּנֶעמֶען מַיין נְשָׁמָה אִינְמִיטְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן, זוּךְ חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**וואוּ אִיז דַיין אִידִישׁ הַארְץ, פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּעסְטוּ דַיין וַוייבּ?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שֶׁעם זִיךְ, וואוּ אִיז דַיין אִידִישׁ הַארְץ? וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל?! אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאגְסְטוּ אִיר: "בִּיסְט פִּינְקְט וְוִי דַיין מַאמֶע?!" אַז דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט קְלָאר וָואס צוּ טוּן, דִי אִיז פוּל מִיט סְפֵיקוֹת - שְׁטֶעכְסְטוּ אִיר מִיט שְׁפַּאס?! זָאגְסְט אִיר: "יֶעצְט פִּירְסְטוּ זִיךְ וְוִי דַיין מַאמֶע!" "יֶעצְט גֵייסְטוּ וֵויינֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט אַזוֹי וְוִי דַיין מַאמֶע?" אַזוֹי רֶעדְט אַ אִיד?!

**אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, בֶּעט שׁוֹין אִיבֶּער דַיין וַוייבּ אוּן גֵיי אִין פֶעלְד שְׁרֵייעֶן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט? וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע פַארְדָארְבֶּענֶע מִידוֹת? וָואס וֶועט דָא זַיין? וואוּ אִיז מַיין שֵׂכֶל? אִיךְ פְּלִיק אוּן שְׁטֶעךְ אָן קַיין רַחְמָנוּת".**

**גֵיי שְׁרַיי אוֹיס דַיינֶע הֵייסֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט.**

**...**

**נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דָאס פָארְלֶערְנֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְהֶערְן פָארְלֶערְנֶען וְכוּ'; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (סוּכָּה מט:) **אוֹיפְן פָּסוּק** (מִשְׁלֵי לא, כו)**: "וְ'תוֹרַת חֶסֶד' עַל לְשׁוֹנָהּ", וָואס אִיז דָאס תּוֹרַת חֶסֶד? "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ, זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אַז מֶען לֶערְנְט פָאר דֶעם דַף גְמָרָא - דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ; אִיז אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט דָאס אָפְּלָאזְן.**

**דָאס אַז דוּ הָאסְט קוֹים מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר; וָואס אִיז אַן אוּנְטֶערְשֵׁייד וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס קוּמֶען? כָּל זְמַן דוּ הָאסְט אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קוּמְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם שִׁיעוּר - אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי. אִיךְ לֶערְן פָאר יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, דָאס אִיז שׁוֹין דֶער צְוֵוייטֶער מַחְזוֹר אִין שַׁ"ס וָואס אִיךְ לֶערְן פָאר. מִיר אִיז נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ וִויפִיל אִידְן זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר, דָאס אִיז בַּיי מִיר פוּן מַיינֶע חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן. אוֹיךְ בִּין אִיךְ מְחַזֵּק מַיינֶע זוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע פָארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא. אַזוֹי הָאבְּן גֶעטוּן אַלֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט דָאס נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.**

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט כַּמָּה וְכַמָּה תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבֶּעטְן פָּארְצוּלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף, לְמַעֲשֶׂה - זֶע אִיךְ - אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער נִסָּיוֹן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט אַלֶעס לָאזְן טוּן, נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען גְמָרָא, וּבִפְרַט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג".

בִּפְרַט וֶוען אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי אִינְגֶעלַייט, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן שִׁיעוּר. זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיבּ אִיז רִיכְטִיג דָאס אָפְּצוּלָאזְן.

וּבְנוֹגֵעַ אַז דוּ קוּקְסְט זִיךְ פָּאר, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחַ אוּן עֶס נֶעמְט דִיר אַוֶועק אַסַאךְ צַייט פוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; זָאג אִיךְ דִיר, עֶס אִיז כְּדַאי וּכְדַאי, וַוייל לֶערְנֶען מִיט אַנְדֶערֶע - אִיז גָאר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען ווִיל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, מְחַזֵּק זַיין אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, אוּן וֶוען אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גָאר וִויכְטִיג חִיזוּק - וֶועט עֶר הָאבְן וואוּ צוּ גֵיין הֶערְן אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בְּנוֹגֵעַ תְּכֵלֶת; טוּ אָן אוֹיף דַיין טַלִּית קָטָן, דָאס וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן וְכוּ'; מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן נִישְׁט דֶעם טַלִּית קָטָן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א וְכוּ'; אַוַודַאי וֶועט אִים דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין, וַוייל וֶוער עֶס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וַוארְט אִים אָפּ אַ גְרוֹיסֶער שְׂכַר אוּן הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה.

...

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן דַיין וַוייבּ,
וֶועט קוּמֶען שֶׁפַע מִיט עֲשִׁירוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר זוּנְטָאג מִיט דַיין וַוייבּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט

אוֹיף דַיינֶע חוֹבוֹת, אַז וִויפִיל דוּ פְּרוּבִירְסְט צוּ מַאכְן אוּן שַׁאפְן נָאךְ גֶעלְט - בְּלַייבְּסְטוּ אַלְץ אִינֶעם גְרוּבּ פוּן חוֹבוֹת; אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַן עֶנְטְפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ דִיר פוּן דֶעם אִין פָּארְנְט פוּן דַיין וַוייבּ, וָואס דַארְף זִי הֶערְן וִוי אִיךְ גֶעבּ דִיר מוּסָר, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פַאר דִיר אַן עֶנְטְפֶער.

אוֹיבּ דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ - זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז וְכוּ' וְכוּ'.

אַ וַוייבּ טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אוּן אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַ וַוייבּ מִיט סְפֵיקוֹת - מַאכְט מֶען נִישְׁט שְׁפַּאס פוּן אִיר, מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אוּן אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַ וַוייבּ וָואס וֵויינְט, שְׁרֵייט אוּן בַּייסְט - טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן זָאגְן: "גֵיי וֵויין!" "יֶעצְט גֵייסְטוּ וֵויינֶען אַזוֹי וִוי דַיין מַאמֶע?" וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ גֵיי זָאגְן יוֹם כִּפּוּר קָטָן. אִיךְ מַאךְ מִיט דִיר אַ גֶעשֶׁעפְט, אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, אַרָאפְּקְלַאפְּן דַיין וַוייבּ - קוּמְט שֶׁפַע מִיט עֲשִׁירוּת.

אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

### די נֵייעֶ גִלְיוֹנוֹת פוּן חִינוּךְ אִיז עֶפֶּעס הֶערְלִיךְ שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, דִי נֵייעֶ גִלְיוֹנוֹת פוּן חִינוּךְ אִיז עֶפֶּעס הֶערְלִיךְ שֵׁיין; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דֶעם, דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גֶעבְּן אַלֶע גִלְיוֹנוֹת אֵיידֶער דוּ דְרוּקְסְט עֶס פַאר הָאבְרֵךְ יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְרֶענְקֶל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל דָאס מַגִיהַ זַיין. לְכַתְּחִילָה וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעוָואלְט מַגִיהַ זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי צַייט

פַאר דֶעם, ווייל אִיךְ עֶר זָאל דָאס אִיבֶּערְקוּקְן, עֶר פַארְשְׁטֵייט ווִי אַזוֹי מֶען שְׁרַייבְּט, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט און מֶען שְׁרַייבְּט אִיז דָאס צְוֵויי וֶועגְן.

שְׁטַארְק זִיךְ און זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן און הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

יֶעצְט וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח - דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז בַּאשַׁאפְן אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אֱמוּנָה און נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר, מַאכְן חוּמְרוֹת און פַארְגֶעסְן פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן חוּמְרוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג און אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעווִיסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווִיסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'" דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְּרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ", אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָּארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים; וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן פְרֵיילִיכְקֵייט, אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אֵיין תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ"; בֶּעט נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ

גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אַזוֹי וִוי מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט, וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַזוֹי וִוי מֶען צִינְד דִי שַׁבָּת לִיכְט אוֹיף דִי וֶועלְט - אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה וֶוען זִי וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן מִיט דִי קְלֵיידֶער וָואס מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט וֶועט מֶען זִיצְן אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן; דֶערִיבֶּער פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, זֵיי צִינְדְן דִי לִיכְט מִיט שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, מִיט דִי צִירוּנְג אוּן מִיט אַ שִׂמְחָה.

בַּיי דִי לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ בֶּעטְן, דִי תְּפִלָּה וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לֶעכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אִידְן, עֶס זָאל שַׁיינֶען דִי לִיכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּיי אַלֶעמֶען".

בַּיי דִי לִיכְט בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ. הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל הָאבְן כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאל אִיךְ לֶעבְן מִיט מַיין מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט".

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ וָואס אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן

הָאבְּן און וָואס זֵיי קֶענֶען אַלְץ פּוֹעֵל'ן - וֶוען זֵיי צִינְדְן דִי לִיכְט; דִי הִימְל אִיז אָפְן, מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## לָאז שׁוֹין אָפּ דִי מַחֲלֹקֶת, קִנְאָה און שִׂנְאָה, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת - אַזוֹי וֶועט מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי נְשָׁמָה וֶוען מֶען וֶועט נִפְטָר וֶוערְן; אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְּשַׁאפְט - וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה און לִיבְּשַׁאפְט, סַיי דֶער מַאן און סַיי דִי וַוייבּ. און חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז בְּעַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז וֵויי און בִּיטֶער בָּזֶה וּבַבָּא. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דַּף כג): "מָאן דִּמְקַבְּלִין אוּשְׁפִּיזִין", וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף דִי גֶעסְט, "דְּאִינוּן נִשְׁמָתִין יְתֵרִין", דָאס מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, "דְּאִינוּן מַרְכִּיבִין עֲלַיְיהוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת", וָואס קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת - "בְּאַנְפִּין צְהוּבִין", מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "בְּחֶדְוָה", מִיט פְרֵייד, "בְּעִנּוּגָא", מִיט אַ פַארְגֶענִיגְן - "בְּהַאי עָלְמָא", אוֹיף דִי וֶועלְט. "כַּד נִשְׁמָתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא נָפִיק מִן גּוּפֵיהּ מֵהַאי עָלְמָא", וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט - "הָכִי מְקַבְּלִין לוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי", אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר מְקַבֵּל זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְאִתְּמַר בְּהוֹן", אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פד, ד) "גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וְכוּ'".

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן גֶענוּג פְּרִי, גֵיי אִין מִקְוֶה אִין צַייט, זַיי גְרֵייט אִין שְׁטוּבּ וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט. הֶעלְף אַרוֹיס אַז עֶס זָאל זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ, און עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין כַּעַס און קַיין מַחֲלֹקֶת.

נֶעכְטְן נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט נָאר פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט אַזַא רַחְמָנוּת, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף קְרֶעכְצְן, דוּ פִירְסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם; וָואלְסְטוּ גֶעזֶען וָואס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, וָואלְסְטוּ גֶעזֶען וָואס אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעזֶען... אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, יוּנְגֶער פוּן דִיר, וָואס פִירְט אַ בִּיזְנֶעס, עֶר אִיז מַצְלִיחַ מֶער פוּן דִיר אוּן פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט רִירְן, עֶר לִיגְט אַיינְגֶעפַאלְן, אַ פַּחַד דָאס צוּ זֶען, דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן אִים אָן מִיט דָאס עֶרְגְסְטֶע, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן דִיר אָנְרוּפְן זָאלְסְט אַרִיבֶּערְקוּמֶען זֶען וָואס גֵייט פָּאר. אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז; לָאז שׁוֹין אָפּ דִי מַחֲלֹקֶת, לָאז שׁוֹין אָפּ דִי קִנְאָה שִׂנְאָה"; הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן נֶעם אוֹיף דֶעם גַאסְט - דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.

...

### רֵייכֶערְן לוּפְטֶערְט נִישְׁט אוֹיס, עֶס מַאכְט מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֵייכֶער נִישְׁט, טוּ נִישְׁט דִי נַארִישְׁקֵייט. בִּיסְט אַ יוּנְג קִינְד, אַ שָׁאד פַאר דַיין לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רעג, תעב), פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס טוּן? אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דֶעם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן.

רֵייכֶערְן לוּפְטֶערְט נִישְׁט אוֹיס, עֶס מַאכְט מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן; אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן - זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, הֲפָצָה לוּפְטֶערְט אוֹיס דֶעם מֹחַ; אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן יְשִׁיבָה, פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן בַּטְלָ'ן צַייט - גֵיי הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הִיט זִיךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן פוּן פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, וֶוען אֵיינֶער פַאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי אִיסוּר פוּן עֶסְן נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת, אוֹיב עֶסְט עֶר אַ כַּזַיִת חֲזִיר אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דִי כַּזַיִת - אֵיין מָאל אַ לַאו, עֶסְט עֶר נָאךְ אַ כַּזַיִת - אִיז עֶר עוֹבֵר נָאךְ אֵיין לַאו, אָבֶּער דֶער וָואס הָאט פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - אִיז עוֹבֵר יֶעדֶע רֶגַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ" (וַיִּקְרָא יט, יז).

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג - וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיינְצוּבְרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב - פוּן כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת; עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלֶע הֲכָנוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט צוּ מִיט כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער. נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲכָנוֹת, נֶעם זֵיי צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי, נֶעם זֵיי מִיט אַיינְקוֹיפְן, רוּף זֵיי וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיין קְאַר וְכוּ'; זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע

זַאכְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְרֵיי אָן קַיין הַשְׁגָחָה. קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וְויפִיל מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין זֵיי אוּן וְויפִיל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת; קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; יֶעדֶער הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אַ שָׁאד צוּ דִמְיוֹנְ'עֶן פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם. קוּם אִין שׁוּל דַאוֶֹנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה. דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת נָזִיר בַּבְלִי, אוּן מַסֶּכֶת דְּמַאי פוּן יְרוּשַׁלְמִי; זַיי דוּ אוֹיךְ פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. לֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, לֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ פָארְן זוּנְטָאג נָאךְ פֶּסַח פַאר צְוֵויי טֶעג קַיין פוֹילְן אוֹיס'פוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### פְּרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ פוּן אַ דַיָּין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן. זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה וְכוּ', פַּסְקְ'ן זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס, זַיי נִישְׁט מְדַמֶּה מִילְּתָא לְמִילְּתָא; אַז מֶען הָאט דִיר אֵיינְמָאל גֶע'פַּסְקְ'נְט כָּשֵׁר - קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַלֵיינְס פַּסְקְ'נֶען, פְרֶעג יֶעדֶע שְׁאֵלָה דֶעם דַיָּין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דֶעם דַיָּין וִוי אַזוֹי צוּ כַּשֶׁרְ'ן דַיין קָאךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אִיסוּר חָמֵץ.

וֶוען מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי חָמֵץ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי חָמֵץ אִין מֹחַ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיד אִיז וֶוען עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אִין דֶעם מֶעסְט זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, וֶוען מֶען בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, אֲפִילוּ מֶען לַיידְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי סֵדֶר פוּן דִי קְעָרָה אַז מֶען לֵייגְט דִי "זְרוֹעַ" אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט אַנְטְקֶעגְן "חֶסֶד", דִי "בֵּיצָה" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט אַנְטְקֶעגְן "גְּבוּרָה" אוּן דִי "מָרוֹר" לִיגְט אִינְמִיטְן - אַנְטְקֶעגְן "תִּפְאֶרֶת"; וָואס עֶפֶּעס אִיז מָרוֹר אִינְדֶערְמִיט בַּיי תִּפְאֶרֶת? וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר בְּלַייבְּט אִינְדֶערְמִיט, עֶר בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק - דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן: "וֶוען מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז דָאס אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז דָאס פְּגַם הַבְּרִית"; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶס.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי סֵדֶר פוּן דִי קְעָרָה אַז מֶען לֵייגְט דִי "חַסָּה" אַנְטְקֶעגְן דִי מִדָּה פוּן "יְסוֹד", וָואס קוּמְט דָאס אוּנְז וַוייזְן? אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אָפְּצוּהִיטְן מִידַּת הַ'יְסוֹד' - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'חַס' אוֹיף אִים, מֶען הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## שְׁוִויצְן פַאר פֶּסַח אִיז מְבַטֵּל אַלֶע קְלִיפּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, אַלֶע פְּלָאג וָואס מֶען פְּלָאגְט זִיךְ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען שְׁוִויצְט וְכוּ' - אִיז דָאס מְבַטֵּל אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאשַׁאפְן מִיטְן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים פֶּסַח'דִיג מַאכְן, זֵיי פְלֶעגְן בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן חָמֵץ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט, מִיר לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו אוּן מִיר דְרוּקְן דִי בְּרִיוו**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט דִיר בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין צִימֶער, אַוַדַאי גֶעדֶענְקְסְטוּ, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ קָאפִּי פוּן אַ בְּרִיוו פוּן הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק לִיבֶּערְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בֶּעסֶערְמִינֶער רָב; אַ בְּרִיוו וָואס עֶר שְׁרַייבְּט פַּאר זַיין אֵיינִיקְל אוֹר לְיוֹם ד' וַיֵּרָא שְׁנַת תשל"ט.

אִינְמִיטְן דִי בְּרִיוו שְׁרַייבְּט עֶר דִי וֶוערְטֶער: "וְהִנֵּה מֻנָּח לְפָנַי סֵפֶר חָדָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ג' וְהוּא קוֹבֵץ מִכְתָּבִים בְּרֶסְלֶב נִדְפַּס בִּירוּשָׁלַיִם, וְהוּא מָלֵא מִכְתָּבִים תְּשׁוּבָה וְהִתְחַזְּקוּת כָּאֵלוּ, אֲשֶׁר לֹא נִשְׁמְעוּ מֵעוֹלָם, מָתוֹק מִדְּבַשׁ, כֻּלּוֹ נָאֶה, וְהָרוֹאֶה יֹאמַר בַּרְקַאי, מֵאִיר עֵינֵי חֲכָמִים, וִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם, יִזְרַח אוֹר חָדָשׁ, טַעַם גַּן עֵדֶן, כֻּלָּם בְּחָכְמָה כְּדַרְכָּם בַּקֹּדֶשׁ, הַבֵּט נָא וּרְאֵה וַתִּשְׂכַּח שָׁם אֶלֶף תְּשׁוּבוֹת עַל כָּל דָּבָר שֶׁזָּכַרְתָּ, וְסוֹף הַסֵּפֶר נִדְפַּס מַאֲמָר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה".

נָאכְדֶעם, אַפָּאר שׁוּרוֹת שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּט עֶר נָאכְאַמָאל: "אַךְ חֲזַק וֶאֱמָץ וְסֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל לֹא יָמוּשׁ מִפִּיךָ, לְמֹד בְּקוֹל כָּל אֲשֶׁר כָּתוּב שָׁם, וְלֹא בְּעִיּוּן בִּלְבַד, רַק בְּפֶה, בְּכָל עֵת עִם יוֹתֵר חֵשֶׁק וְכוּ'".

דִי אֵיינִיקְלֶעךְ הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר מִכְתָּבִים פוּן זֵייעֶר זֵיידֶע, אוּן דִי בְּרִיוו הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעדְרוּקְט (סֵפֶר שִׂיחַ יִצְחָק, דַּף רמה), אָבֶּער דִי שׁוּרוֹת וָואס

אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן - אִיז נִישְׁט גֶעדְרוּקְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קַאפִּי פוּן דֶעם בְּרִיוו, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "קוּק ווִי עֶס אִיז אָנְגֶעצֵייכְנְט, חַס וְשָׁלוֹם דְרוּקְן דִי שׁוּרוֹת וָואס רֶעדְן פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל", נֶעבֶּעךְ.

נֶעבֶּעךְ אַז אֵיינִיקְלֶעךְ שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט בְּרִיוו וָואס דֶער זֵיידֶע שְׁרַייבְּט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט, מִיר לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו אוּן מִיר דְרוּקְן דִי בְּרִיוו. וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוו - דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם סֵפֶר, דִי בְּרִיוו פְּלַאקֶערְן אוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת "דָאס אִיז דֶער גַּן עֵדֶן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", מַיינֶע בְּרִיוו זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - "דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַזוֹי בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### עֶס מוּז זַיין אַ גוּטֶע פִילְטֶער אוֹיף אַלֶע קָאמְפִּיוּטֶערְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דִי קָאמְפִּיוּטֶערְס בַּיי דִי קִיאַסְק אִיז נִישְׁט גֶעפִילְטֶערְט. אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיף דִי וַואךְ עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע פִילְטֶער אוֹיף אַלֶע קָאמְפִּיוּטֶערְס, טֶעלֶעפָאוֹנְס אוּן טֶעבְּלֶעטְס בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל מִתַּחַת יָדֵינוּ.

אוֹיבּ עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פִילְטֶער - זָאלְסְטוּ פַארְשְׁפַּארְן דִי קִיאַסְק.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן דִי קִיאַסְק דָאס

מֶערְסְטֶע בַּאקְוֶועם וָואס אִיז שַׁיָּיךְ אוּן דָאס צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי גֶעבְּרוֹיךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַזוֹי וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר דִי אִינְגֶעלַייט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, לֶעפְּטַאפּ וְכַדוֹמֶה - אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין קַאר.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**אַ זַאךְ וָואס זוּכְט שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ אִיד, דַארְף מֶען פַארְבְּרֶענֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וֶוען אִיךְ זֶע שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע, אָדֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אָדֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען; וָואלְט אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם".

קוּק דֶעם לָשׁוֹן אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יב), וֶוען דֶער גִיבּוֹר הָאט זֵיי גֶעפִירְט בַּיי דִי קָאךְ, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן צַדִיק, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶעפִירְט פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "עֶס שְׁטִינְקְט!" הָאט זֵיי דֶער גִיבּוֹר גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז בְּוַדַאי זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט"; דִי וֶוערְטֶער דַארְף אוּנְז אוֹיפְשָׁאקְלֶען אוּן אוֹיפְטְרֵייסְלֶען, מוּז זַיין אַז מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן גֵיין שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן קֶענֶען יֶעדְן דֶערְלַיידְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט זוּכְן שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע, נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ זָאגְט אַ טַעַם, פַארְוָואס פַארְבְּרֶענְט מֶען בַּיי שְׂרֵיפַת חָמֵץ דִי לֶעכְט וָואס מֶען הָאט דֶערְמִיט בּוֹדֵק חָמֵץ גֶעוֶועןְ? אוּן אוֹיךְ דִי פֶּעדֶער אוּן לֶעפְּל, זֵיי זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין חָמֵץ? נָאר אַ זַאךְ וָואס זוּכְט שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ אִיד - דַארְף מֶען פַארְבְּרֶענֶען, וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן אַהֵיימְגֵיין אוֹיף פֶּסַח, אוּם פֶּסַח עֶסְט מֶען נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן אַהֵיימְגֵיין אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ עֶסְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - זָאלְן אַלֶע אַהֵיימְגֵיין פַאר פֶּסַח; פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן אִיבֶּער דִי אֱמוּנָה פַאר דִי קִינְדֶער, פֶּסַח גֵייט מֶען נִישְׁט עֶסְן בַּיי אַנְדֶערֶע, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט פֶּסַח מִיט קֵיינֶעם; אִיךְ נֶעם אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעסְט.

אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִין שְׁטוּב בַּיי דִי עֶלְטֶערְן - דַארְף מֶען גֵיין. טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גֶעשְׁמַאק צוּ קוּמֶען צוּ דִיר, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן?

יֶעצְט אִיז דִי יְשִׁיבָה פַארְמַאכְט, אַלֶע דַארְפְן אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן. יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בַּיים פֶּסַח׳דִיג מַאכְן מַיינֶע סְפָרִים טְרֶעף אִיךְ אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וִוינְטֶער אִין יָאר תשס״ט (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק קעח, מִכְתָּב מז אֶלֶף, רנו) וֶוען מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף מִיר אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט אִינֶעם בְּרִיוו דִי וֶוערְטֶער פוּן סֵפֶר נְתִיב מִצְוֹתֶיךָ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ שְׁבִיל הַתּוֹרָה שְׁבִיל ב׳, אוֹת ב׳): ״וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ וָואלְט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, בְּרוּדֶער בְּרוּדֶער, שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר״; מוֹהֲרָא״שׁ פִירְט אוֹיס: ״אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיךְ, שְׁוַוייג אָפּ, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט״.

דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁוַוייג אָפּ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט וֶוען מֶען שְׁרֵייט וְכוּ׳, סַיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן סַיי דַיין וַוייבּ; שְׁוַוייג. דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״עִקַּר הַתְּשׁוּבָה״, דִי עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז, ״יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ״, מֶען בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת, ״יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו).

פֶּסַח נוּצְט מֶען נִישְׁט קַיין בְּשָׂמִים נֶעגְלֶעךְ, מֶען נוּצְט הֲדַסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

**קוּם נִישְׁט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אַמֶערִיקֶע אוֹיף פֶּסַח**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיטֶע רֶעד מִיט ..., עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר קוּמְט מָארְגְן קַיין אַמֶערִיקֶע. קוֹדֶם כָּל יֶעצְט אִיז נִישְׁטָא קַיין יְשִׁיבָה, אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַהֵיים הֶעלְפְן

אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב. צְוֵוייטְנְס, וואו וֶועט עֶר זַיין יוֹם טוֹב? פֶּסַח אִיז מֶען נָאר אִין שְׁטוּב, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ פְרֶעמְדֶע עֶסְן, פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט; אָדֶער עֶסְט מֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער עֶסְט מֶען אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים צוּ מַיין סֵדֶר, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין אַדְמוֹ"ר; אִיז וואו וֶועט עֶר זַיין יוֹם טוֹב?

עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פַארְדְרֵיידְט אִים דֶעם קָאפּ אַז דָאס אִיז מְנִיעוֹת און מֶען דַארְף מְבַטֵּל זַיין דִי מְנִיעוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, רֶעד צוּ אִים אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, זִיכֶער נִישְׁט יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב, און אֲפִילוּ נָאךְ יוֹם טוֹב זָאל עֶר נִישְׁט קוּמֶען, אַ שָׁאד אִיבֶּערְלָאזְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אַ שָׁאד וֶוען עֶר קֶען עוֹסֵק זַיין בְּתִקּוּנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין הֲפָּצָה, זָאל עֶר נִישְׁט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע. אִיךְ הָאבּ דָא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע בָּחוּרִים, זֵיי וַואלְגֶערְן זִיךְ, יֶעדֶע שַׁבָּת דַארְפְן זֵיי זוּכְן וואו צוּ עֶסְן, עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט.

בִּיטֶע רֶעד מִיט אַלֶע בָּחוּרִים, זֵיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל דוּרְכְ'ן טָאג לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן און פַארְנַאכְטְס גֵיין הֲפָּצָה. זָאג זֵיי אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע פְּרָט בַּיי זֵיי, און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין זֵייעֶר שַׁדְכָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**נֶעם מִיט דִי קִינְדֶער צוּ דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר, נֶעם זֵיי מִיט דִיר בַּאקְן מַצּוֹת, שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָּנוּ און אַנְדֶערֶע הֲכָנוֹת. עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן.

דַיינֶע גֶעלְט זַאכְן וְכוּ׳ - דַארְפְן זֵיי נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן, און וֶוען דו גֵייסְט נֶעמֶען דִי קַאר פוּנֶעם דִילֶער - אִיז נִישְׁט וויכְטִיג זֵיי זָאלְן מִיטְגֵיין, אָבֶער בַּיי מִצְוֹת און דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת - זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דו גֵייסְט צוּם דַיָין פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ - גֵיי מִיט דַיין זוּן, און וֶוען דו גֵייסְט שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ - נֶעם מִיט דַיין זוּן, און בַּיים בַּאקְן מַצוֹת. אוֹיךְ בַּיים פֶּסַח מַאכְן שְׁפַּאן-אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווי עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג מִיט זַיין זוּן בַּיים אָרוֹן קוֹדֶשׁ און שְׁטֵייט דָארְט אַפָּאר מִינוּט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס טוּסְטוּ דָא?״ זָאגְט עֶר: ״אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיין קִינְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן״. (ווי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אִיז דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״ש אַלֵיינְס).

בְּנוֹגֵעַ אַוֶועקְפָארְן; פֶּסַח אִיז אַ יוֹם טוֹב וָואס מֶען אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. פֶּסַח אִיז מֶען אָדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; און צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

**אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וויכְטִיג דִי פְּלֶעיס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיב דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְּלֶעי חוֹל הַמּוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְּלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְּן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קֵיין פְּלֶעיס, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּב אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְּלֶעיס.

וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס וֵייס אִיךְ פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן; מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### נֶעם צוּזַאם גֶעלְט פַאר קִמְחָא דְפִסְחָא, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קֵיין דִין תּוֹרָה׳ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַ״שׁ זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין סֵפֶר, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ - צוּלִיב דִי גְרוֹיסֶע עֲנָוָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶער רְמָ״א הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מִיר אַלֶע פַּסְקְ׳נֶען וִוי דֶער רְמָ״א בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

מוֹהֲרַ״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין שְׁטָאט קְרָאקָא, דֶער שְׁטָאט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ״א אִיז גֶעוֶוען רַב - הָאט גֶעווָאוֹינְט אַ שִׁיכּוֹר, יַעֲנְקֶעלֶע, עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג נָאכְן עֶנְדִיגְן אַרְבֶּעטְן נֶעמֶען דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט אוּן דָאס אוֹיסְטְרִינְקֶען. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אַן אָרֶעמֶע פְרוֹי אַן אַלְמָנָה זִינְגְט זִיךְ אַזוֹי אוּנְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יַעֲנְקֶעלֶע גֵייט

טְרִינְקֶען בִּיר אוּן בְּרוֹינְפְּן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן", יַעֲנְקֶעלֶע שִׁיכּוֹר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶעלֵייגְט בַּיי דִי טִיר פוּן דִי אַלְמָנָה, עֶר אִיז אַהֵיים אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

יֶענֶע נַאכְט, דֶער רְמָ"א זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין אַ אִיד, יַעֲנְקֶעלֶע, אוּן זָאגְט: "אִיךְ רוּף דֶעם רָב צוּ דִין תּוֹרָה אוֹיבְן אִין הִימְל", דֶער רְמָ"א הָאט גֶעמֵיינְט עֶר מַאכְט שְׁפַּאס, דֶער יַעֲנְקְל אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאקַאנְטֶער שִׁיכּוֹר פוּן קְרָאקָא, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין דִי גַאסְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרִינְקֶען. דֶער רְמָ"א זָאגְט אִים: "שְׁטֶער מִיךְ נִישְׁט פוּן לֶערְנֶען, מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹזֶק פוּן מִיר", אָבֶּער יַעֲנְקֶעלֶע דֶער שִׁיכּוֹר זָאגְט: "דֶער רָב זָאל מִיךְ גְלֵייבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, אִיךְ הָאבּ אַ טַעֲנָה צוּם רָב".

דֶער רְמָ"א הָאט זִיךְ אַבִּיסְל דֶערשְׁרָאקְן, עֶר טְרַאכְט 'וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ? עֶס אִיז דָאךְ פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, זֶעט אוֹיס עֶס אִיז נִישְׁט קַיין ווִיץ'. עֶר פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז דַיין טַעֲנָה אוֹיף מִיר?" זָאגְט עֶר: "דֶער רָב פְּלֶעגְט אַלְץ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אָבֶּער דֶער רָב אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר בֶּעטְן צְדָקָה, יֶעצְט ווֶען אִיךְ בִּין אַ נִפְטָר זֶע אִיךְ אַז צְדָקָה רַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט, צְדָקָה נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע עוֹנְשִׁים, פַארְוָואס הָאט דֶער רָב נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר גֶעלְט?" הָאט דֶער רְמָ"א גֶעזָאגְט: "בִּיסְט גֶערֶעכְט, גֵיי צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אוּן זָאג 'אִיךְ רֶבִּי מֹשֶׁה אִיסֶרְלִישׁ טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן פוּן הַיינְט אָן גֵיי אִיךְ מְזַכֶּה זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה'".

עַל כֵּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט מִיךְ רוּפְן צוּ דִי דִין תּוֹרָה, ווִיל אִיךְ דִיר יֶעצְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט צַאמְנֶעמֶען פַאר קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אִידְן וָואס דַארְפְן גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן בְּרֶענְג עֶס פַאר דִי גַבָּאִים פוּנֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אָדֶער דֶער גַבַּאי פוּן יְרוּשָׁלַיִם, יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן הָאבְן צוּטוּן מִיט קַיין דִין תּוֹרָה'ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַ מִצְוָה דַארְף מֶען טוּן מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר גוּט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, און אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקֶן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק, מִיט יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְן מִיר אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חִיזוּק און עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ פוּן דִי צַדִיקִים לְבֵית חַבַּ"ד. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען פוּן הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַמָאל הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן תְּשׁוּבָה, און אַלֶע הָאבְּן זִיךְ צוּאֵויינְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק: "תְּשׁוּבָה אִיז אַ מִצְוָה אַזוֹי וִוי אַלֶע מִצְוֹת, און אַ מִצְוָה אָן שִׂמְחָה אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, עֶסְן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח און צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה מִיט שִׂמְחָה.

...

## לֵיל הַסֵדֶר אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע טַייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'

זָארְגְט נִישְׁט וֶועגְן קִינְדֶער, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער - אִיז דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, און נָאכְן דַאנְקֶען זָאל מֶען בֶּעטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; עֶרְלִיכֶע, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן".

בַּיים סֶדֶר נַאכְט זָאלְן עֶנְק שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אוּנְז גֶעזוּנְטֶע, עֶרְלִיכֶע, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער".

לֵיל הַסֵּדֶר אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, דִי הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, דִי מַלְאָכִים מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה קוּמֶען אַרָאפּ; ווִאוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוּיס דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

...

**גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ צַדִּיק וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת? וואוּ גֵייסְטוּ? מִיט וֶועם פַארְבְּרֶענְגְסְטוּ?! הָאסְט אַ וַוייבּ אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, וָואס גֵייסְטוּ מִיט חֲבֵרִים? פָארְסְט ווִיקֶעיִשָׁאן מִיט חֲבֵרִים?! גֵיי מִיט דַיין וַוייבּ, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר; וָואס אִיז מִיט דִיר, וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל?!

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר עֶפֶּעס אַ נֵס זָאל גֶעשֶׁען, דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוּיפְוֶועקְן פוּן דַיין דִמְיוֹן פוּן חֲבֵרִים; בַּאלְד וֶועט עֶס גֶעשֶׁען אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען מוֹחֵל זַיין פַארְוָואס דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער פַאר ...

בֶּעט דוּ אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

מָארְגְן עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת נָזִיר; ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ צַדִּיק וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר מָאנְט אוּן פַארְלַאנְגְט.

פְרַייטָאג הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת סוֹטָה, אַ שֵׁיינֶע גְרִינְגֶע קוּרְצֶע מַסֶּכְתָּא, מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, קוּם צוּרִיק, בַּאנֵיי זִיךְ, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג

אַ בְּלַאט, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וֶועסְט הָאבְּן אַ טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק נָאר דַיין גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**מְסַיֵּים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פִּינְף מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם פוּן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת מְגִילָה; דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס דוּ לֶערְנְסְט וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פִּינְף מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס; מַסֶכֶת תַּעֲנִית, מַסֶכֶת חֲגִיגָה, מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מַסֶכֶת תָּמִיד אוּן מַסֶכֶת מְגִילָה - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מַסֶכֶת סוּכָּה, אוּן דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער דוּ הוֹיבְּסְט אָן לֶערְנֶען דִי מַסֶכְתָּא, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קַיין מַחְלֹקוֹת, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלוֹקוֹת צְווִישְׁן אִידְן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן נז): "לְמַחֲלֹקֶת יִלְמַד מַסֶּכֶת סֻכָּה", גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן מַחְלֹקֶת - אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת סוּכָּה; בְּסוֹד "תִּצְפְּנֵם בְּסֻכָּה מֵרִיב לְשֹׁנוֹת" (תְּהִילִים לא, כא), אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, בְּרֶסְלֶב אִיז אִין הַארְץ, אִין מֹחַ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וואוּינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, דָארְט אִיז גְרִינְג צוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז און בֵּיימֶער.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר"**, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער שְׂפַת אֱמֶת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "בַּיים זָאגְן הַלֵל, בַּיי דִי פָּסוּק 'אָנָּא ה'' קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן". וֶוען דֶער אִיד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְדֶערֶע, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי הַלֵל, בַּיי דִי פָּסוּק "אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא". הָאט דֶער שְׂפַת אֱמֶת גֶעזָאגְט, נִישְׁט דֶעם פָּסוּק הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דֶעם פָּסוּק "אָנָּה ה' כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ", וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דַיין קְנֶעכְט, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס פַאר דִיר, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען"**, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

בְּרוּדֶער, בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, בְּרֶסְלֶב אִיז אִין הַארְץ, אִין מֹחַ, זֶע צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'ֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ וואוֹינֶען אִין בְּרֶסְלֶב.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי: "אָנָּא ה' כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ!"

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארן הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שְׁמוּעֶס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארן הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶעס יָאר אִין אוּמַאן; דוּ טֵיילְסְט אוֹיס עֶסְן פַאר צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער הוּנְגֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן פַאר אַלֶע דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

אִיךְ שִׁיק דִיר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַבִּיסְל בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר מַצּוֹת.

...

**ווִי לַאנְג דַארְף נֶעמֶען דִי סֵדֶר נַאכְט?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דֶעם סֵדֶר נַאכְט וְכוּ׳; זָאג דִי הַגָּדָה אָן קַיין תּוֹרוֹת אוּן אָן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת מִיט מְשָׁלִים, זָאג דִי הַגָּדָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל בִּזְרִיזוּת, אוּן בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ וֶוען דִי קִינְדֶער עֶסְן - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּשֶׁעטְלֶעךְ, מְשָׁלִים מִיט לַאנְגֶע מַעֲשִׂיּוֹת; רֶעד צוּ זֵיי פָּשׁוּטְ׳עֶ וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

דִי בֶּעסְטֶע הַגָּדָה פַארְן סֵדֶר נַאכְט אִיז דִי הַגָּדָה מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת, אָן קַיין תּוֹרוֹת, סֻגְיוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַ סֵדֶר נַאכְט דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, דִי אַלֶע וָואס פְּרַאוֶועְן לַאנְגֶע סְדָרִים בִּיז אִינְדֶערְפְרִי - דִי מַאכְן נִישְׁט שֶׁענֶערֶע סְדָרִים, דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלָל פַארְשְׁלֶעפְּט, דִי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען, דִי קוּמֶען אַהֵיים פֶּסַח בַּיינַאכְט אוּן אַנְשְׁטָאט זָאגְן קַדֵּשׁ אוּן גְלַייךְ מַאכְן קִידוּשׁ, הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן וואוּ לִיגְט דָאס אוּן וואוּ לִיגְט יֶענְץ, אוּן מֶען גֵייט רַייבְּן דִי מָרוֹר וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז מֶען קְרַאצְט זִיךְ אוֹיס וֶוערְט שׁוֹין פַארְטָאגְס.

זִיךְ בַּיים סֵדֶר אוּן טְרַאכְט: ׳אִיךְ בִּין דֶער עַם הָאָרֶץ פוּן דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס צַדִיקִים שְׁטוּפְּן זִיךְ אַרַיינְצוּקוּקְן בַּיי מִיר אִין פֶּענְסְטֶער אוּן זֶענֶען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר אִיךְ פְּרַאוֶוע יֶעצְט׳.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי פֶּסַח, הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דִי מַתָּנָה פוּן פֶּה-סָח, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵק מִיר זָאלְן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

בעזרת השם יתברך

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מאת קינדער

## מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט מֶען הָאבְּן וָואס מֶען דַארְף

די זון הָאט נַארְוָואס אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, עֶס בְּלָאזְט אַ ווִינְט, דִי וַואסֶער אִיז אוֹיךְ שֵׁיין בְּלוֹי; שְׁטֵייט זִי אוּן קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט, וָואס וֶועט דָא זַיין? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין טַאטֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אֲפִילוּ דִי אֵיין הֶעמְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אוֹיסְוַואשְׁן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב - אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְן וִוינְט..."

די צַדֵיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים יַם אִין טֶערְקַיי, זִי אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט אִיר טַאטֶע. זֵיי פַארְן יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיף פֶּסַח זֶענֶען זֵיי אִין דִי שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל. דִי צַדֵיקֶת אָדְל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם אוֹיסְוַואשְׁן אַ הֶעמְד אַז אִיר טַאטֶע זָאל הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן אָן קַיין גֶעלְט אוּן אָן עֶסְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז

מֶען וֶועט אַיינְפַּאקְן עֶסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען וִוי שְׁנֶעלֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר ווִיל זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חַיִּים בֶּן עַטַר, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי צַדֶיקֶת אָדְל הָאט זִיךְ נִישְׁט פַּארְלוֹירְן, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְז, מַאךְ אַ נֵס, עֶס אִיז שׁוֹין עֶרֶב פֶּסַח מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר דַארְפְן מַצוֹת, וֵויין, פִישׁ אוּן פְלֵייש




אוּן דִי הֶעמְד אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן...

פַאר יוֹם טוֹב, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁטוּב וואוּ צוּ זַיין".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעט זִי ווִי עֶס קוּמְט צוּ פָארְן אַ גְרוֹיסֶער וָואגְן, דִי וָואגְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ, אוֹיפְן וָואגְן זִיצְט אַ פָּארְפָאלְק, אַ מַאן אוּן ווַייבּ, זֵייעֶר רַייכֶע מֶענְטְשְׁן. זֵיי פְרֶעגְן אָדְל: "מִיר זוּכְן זֵייעֶר דֶעם צַדִיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֶפְשָׁר ווֵייסְט אִיר פוּן אִים צוּ זָאגְן? אֶפְשָׁר הָאט אִיר גֶעהֶערְט וואוּ עֶר אִיז?" אָדְל זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן דֶעם צַדִיק, מַיין טַאטֶע זִיצְט אִין שׁוּל, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" זֵיי זָאגְן זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶעס פַאר יוֹם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל אַלֶעס הָאבְּן.

דִי צַדֵיקֶת אָדְל זָאגְט גְלַייךְ: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ דַאנְק דִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ וֶועלְן הָאבְּן אַלֶעס אוֹיף יוֹם טוֹב".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן. אֲפִילוּ מֶען הָאט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן נִיסִים, אוּן אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, עֶפֶּעס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן הַאנְט זָאל מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶעטוּן וֶוען דִי הֶעמְד אִיז אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן אִיר הַאנְט.

קִינְדֶער מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶוער דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.


מצבת ציון הקדוש
כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע
ביבנאל עיר ברסלב
הבטחת מוהרא"ש:
"אני מבטיח שכל בחור רווק, וכל בחורה רווקה, שיבואו כאן לקברי, ויגמרו את כל ספר תהלים מהתחלה עד גמירה לזכותי, אזי אשתדל בכל מה שרק אוכל שימצאו את זיווגם, וזה הבטחה חזקה ממני."

בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט דא צו באקומען

# אפגעשיקט יעדע וואך צו אייער טיר אויף פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע

וועכנטליכע קונטרס

# עצתו אמונה

**הערליכע בריוו, שאלות ותשובות**

אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה

הרה"ג רבי **יואל רוטה** שליט"א

## קרן הדפסה היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

718.387.2691

אדער שיקט אן אימעיל צו:

subscribe@kerenhadfusa.org

מען קען פרעגן שאלות פונעם

ראש ישיבה שליט"א דורך:

https://breslevcenter.com/answers

ווי אויך קען מען באקומען דעם טעגליכן בריוו

אויף טעלעפאן מעסעדזשינג:

347.286.8081

היכל הקודש

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו